# פרשת פקודי כ"ו אדר א' - ב' אדר ב' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת פקודי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ג סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון שבת. ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, משה רבינו האט צוזאמגענומען דעם גאנצן כלל ישראל, און ער האט זיי געזאגט, אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם, ששת ימים תעשה מלאכה, וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה' (שמות לה-א). איך האב געזעהן צוברענגען פונעם ספר **קדושת אהרן**, פונעם **סאדיגורער רבי זצ"ל**, אז מען זאגט ביי די שמונה עשרה (בתפלת שבת), ושני לוחות אבנים הוריד בידו, וכתוב בהם שמירת שבת. האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין חז"ל, אז ווען משה רבינו האט אראפגעווארפען די לוחות, זענען די לוחות צוברעקלט געווארן אויף שטיקלעך. אבער די מצוה פון שבת, די ווערטער זכור את יום השבת לקדשו, זענען געבליבן גאנץ אויף די לוחות, און זיי זענען נישט צובראכן געווארן. עס איז געווען אותיות פורחות, אבער די אותיות זענען געבליבן. זאגט ער, וועגן דעם זאגט מען, ושני לוחות אבנים הוריד בידו, משה רבינו האט מוריד געווען, ער האט אראפגעלאזט פון זיין האנט די לוחות, אבער וכתוב בהם, עס איז געבליבן אריינגעשריבן אין זיי, שמירת שבת. די מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו איז נישט צובראכן געווארן פון די לוחות. ער זאגט נישט קיין הסבר פארוואס עס איז אנדערש פון אנכי ה' אלקיך וואס איז יא צובראכן געווארן, נאר זכור את יום השבת לקדשו איז געבליבן גאנץ.

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת פח.), און דער **אוהב ישראל** ברענגט עס צו די וואך אין אנהייב פרשת ויקהל, אז בשעת יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע (שמות כד-ז), האט יעדער יוד באקומען שני כתרים, צוויי קרוינען. די צוויי קרוינען זענען געווען א ליכטיגקייט אויפן מענטש וואס איז געקומען פון די צוויי קרוינען. ווען מען האט געזינדיגט ביים חטא העגל, זענען געקומען מלאכים, און מען האט צוגענומען די שני כתרים, ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב, מען האט צוגענומען די ליכטיגקייט וואס מען האט געהאט. ומשה יקח את האהל (שם לג-ז), דרשנ'ט די גמרא (שבת פח.), משה רבינו האט באקומען די אלע ליכטיגקייט פון די כתרים. און וועגן דעם איז געווען קרן אור פניו (שמות לד-ל), משה רבינו האט באקומען א געוואלדיגע ליכטיגקייט, דאס איז געקומען פון די כתרים וואס ער האט באקומען פון יודען.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'** (**פרי עץ חיים** שער השבת פרק ח'), אז ווען משה רבינו האט באקומען די לוחות פונעם אייבערשטען, האט ער באקומען אלף אורות, טויזנט ליכטיגקייטן. מיר פארשטייען נישט קלאר וואס דאס איז, אבער אזוי שטייט. און בשעת מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, האט משה רבינו פארלוירן די אלע אלף אורות וואס ער האט געהאט, און ער איז געבליבן נאר מיט איין אור. דאס איז דער אלף זעיר"א וואס איז דא אין ויקרא (ויקרא א-א), ווייל פון די טויזנט ליכטיגקייטן וואס ער האט געהאט, איז געבליבן א קליינע אלף, עס איז געבליבן ביי אים נאר איינס. קומט אויס, אז ביז צום חטא העגל האט משה רבינו געהאט טויזנט אורות, און ווען מען האט געזינדיגט מיטן עגל איז ער געבליבן נאר מיט איינס. יודען האבן געהאט די כתרים, און ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל איז צוגענומען געווארן די כתרים. און אזוי ווי משה רבינו האט פארלוירן זיינע אורות, האט דער אייבערשטער גענומען די אורות פון די כתרים, און ער האט עס אהינגעגעבן פאר משה רבינו.

**זאגט** דער **אר"י הק'**, ווען עס קומט שבת, שבת איז נישט דא קיין חטא פונעם עגל. דורכדעם וואס יודען האלטן שבת, טוען זיי מתקן זיין דעם חטא פונעם עגל, כל השומר כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו (שבת קיח:), שבת איז נישט דא דער פגם פונעם חטא העגל. און דעמאלטס באקומט משה רבינו צוריק זיינע טויזנט אורות וואס ער האט געהאט פארן חטא העגל, און אזוי ווי ער באקומט צוריק זיין ליכטיגקייט, גיט ער צוריק פאר יעדן יוד זיינע צוויי כתרים. שבת גייט אלעס צוריק אזוי ווי

עס איז געווען פאר דעם. שבת האט משה רבינו אלף אורות, און אזוי ווי ער באקומט צוריק זיינע אורות, כאטש ער וואלט זיך געקענט האלטן מיט די איבריגע כתרים אויך, גיט ער עס צוריק פארן כלל ישראל. זאגט דער **אר"י הק'**, ישמח משה במתנת חלקו, משה רבינו פריידט זיך שבת מיט זיין מתנה וואס ער האט באקומען. ער באקומט צוריק זיינע טויזנט אורות, כי עבד נאמן קראת לו, ער איז א נאמן, ער איז א באגלייבטער מענטש, אז די כתרים וואס ער האט באקומען פון יודען, גיט ער צוריק שבת פאר יודישע קינדער.

**עס** שטייט אין **אוהב ישראל** (ריש פרשתנו), אז 'עדת' דאס איז עדיו, די צירונג, ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב (שמות לג-ו). ויקהל משה, משה רבינו האט פאר זיך צוזאמגענומען, את כל 'עדת' בני ישראל, די אלע צירונגען, די אלע קרוינען וואס יודען האבן באקומען. 'ויאמר אליהם', און ער האט געזאגט פאר יודען, 'אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם, ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה', אז מען וועט האלטן שבת, וועט מען צוריק באקומען די אלע כתרים וואס מען האט צוגענומען ביים חטא העגל.

**עס** קען זיין אז עס ליגט א רמז, ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון שבת אין פרשת כי תשא, האט משה רבינו געזאגט, אך את שבתותי תשמורו (שמות לא-יג), און רש"י שטעלט זיך, וואס איז דער 'אך'. עס קען זיין, אז דער א' איז אלף, דאס איז די טויזנט אורות וואס משה רבינו האט געהאט. די כ' איז רומז אויף כ'תר, דאס איז די כתרים וואס יודען האבן געהאט. א ך' ווערט אנגערופן א כ"ף כפולה. מען האט דאך געהאט א דאפעלטען כתר, צוויי כתרים האבן זיי געהאט. זאגט דער אייבערשטער, 'אך', די אלף אורות וואס קומט זיך פאר דיר, און די ך', די צוויי כתרים וואס איך האב אוועקגענומען פון יודען, אך את שבתותי תשמורו, ווען מען וועט האלטען שבת, וועסטו צוריקבאקומען די אלף אורות, און יודען וועלן צוריקבאקומען די שני כתרים.

**קומט** אויס, אז אפילו דורך חטא העגל איז צובראכען געווארן די לוחות, און מיר האבן עס פארלוירן. אבער ווען עס קומט שבת, גייט אלעס צוריק אזוי ווי עס איז געווען פאר דעם. כלל ישראל מיט משה רבינו באקומען צוריק די אורות און די כתרים. האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזען, אז אפילו מען צוברעכט די לוחות דורך חטא העגל, אבער זכור את יום השבת לקדשו ווערט נישט צובראכען. ווען עס קומט שבת, קען א יוד זוכה זיין מתקן צו זיין דעם חלק וואס מען האט געהאט אין חטא העגל, און מען באקומט צוריק פונעם אייבערשטען די שני כתרים און די אלף אורות. און אז מען באקומט דאס, דארף מען וויסן ווי אזוי עס אויסצונוצן, אז דער שבת זאל זיין א לעכטיגער שבת. ויברך אלקים את יום השביעי (בראשית ב-ג), במה ברכו, זאגט דער מדרש (ב"ר יא-ב), ברכו באור פנים, אינו דומה אור פניו של אדם בשבת לימות החול. שבת האט א מענטש א לעכטיגערן פנים ווי ער האט אינדערוואכן, ווייל ער באקומט צוריק די אור פון די כתרים, וואס איז צוגענומען געווארן דורכן חטא העגל.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל מסיבת תנאים של בת הר"ר **יוסף הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אליעזר דוד אינזליכט** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שני פרשת פקודי</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **מיכאל יהודא** ני"ו, בן הרב **אשר יואל פאללאק** שליט"א, עב"ג בת הרב **שמואל מאיר יאראסלאוויטש** שליט"א.

כמו כן התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **שמשון בנימין** ני"ו, בן הר"ר **ישראל מרדכי וייסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **וואלף דרעזנער** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **אהרן אלי' אדלער** הי"ו, עב"ג

בת הר"ר **ישראל יוסף בערנשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן מחותנו כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א) עב"ג בת **הרה"ג רבי יהושע רובין שליט"א** (בן הגה"צ מגלאגוב שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מצאנז גריבוב שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***יום שלישי פרשת פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **מרדכי דוד** נ"ו, בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **לייב** נ"ו, בן הר"ר **אברהם פריילך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בעריש וועבער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לטובת המוסדות בשכונת גרינוויל, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום רביעי פרשת פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת ש"ב **הרה"ג רבי אהרן כ"ץ שליט"א** אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג (חתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), עב"ג בן **הגה"צ אב"ד זלאטשוב שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

*

***יום חמישי פרשת פקודי***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל מרדכי חיים ליבערמאן** ע"ה.

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **הערשל נידערמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם דוב נידערמאן** ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' מהנוכחים:** מען האט פריער גערעדט דא, אז דער זיידע האט געמאכט די ספרים זוכר הברית, קיצור נחלת שבעה, מטה אשר. זאגט איינער אז מען דארף אליין אויך טון דער צו. האב איך געזאגט, אז אויב עס ליגט פאר די אויגן, און מען רעדט פון זיי, איז אויך עפעס.

**רבינו:** די וועלט זאגט, אז יעקב האט געבענטשט די קינדער המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק וכו' (בראשית מח-טז). אמאל ווען דער טאטע איז גרעסער פונעם קינד, טוט זיך דאס קינד בארימען, איך בין א זון פון דעם און דעם. טאמער מען איז זוכה אז דאס קינד איז מער פונעם טאטן, בארימט זיך דער טאטע, אז ער איז דער טאטע פון דעם און דעם. יעקב אבינו האט געבעטן, אז די קינדער זאלן זיך נישט רימען מיט אים, נאר ויקרא בהם שמי, מיין נאמען זאל מען רופן מיט זיי, איך בין ראובן'ס טאטע, שמעון'ס טאטע.

**א' מהמנחמים:** ווען איך האב געלערנט אין די וויענער ישיבה, תשכ"ג, פאר די בר מצוה, איז דא געווען מיין אכסניא, און רבי הערשל'ס טאטע האט געלערנט מיט מיר יעדע נאכט, ער האט גע'חזר'ט מיט מיר וואס מען האט געלערנט אין די ישיבה. ווען מען האט געוואלט טרינקען ווארעמס, איז נישט געווען קיין הא"ט טשאקלע"ד, אדער קאווע, נאר מען האט געטרונקען א גלעזל הייסע וואסער. איך האב געפרעגט די טאטע, נאר הייסע וואסער אליין? האט

ער געזאגט, די עיקר איז אז עס זאל זיין ווארעם, וואס איז א נפקא מינה, וואסער איז אויך גוט.

**א' מהנוכחים:** איך בין געפארן איינמאל אין א קאר, מיט רבי שמואל דוד הערצאג, זאגט ער מיר, ער ווייסט נישט פארוואס, אבער זיין גאנצע כתה איז אויסגעוואקסען מורה הוראה'ס מיט רבנים. דער וויענער רב, דער שאצער רב, רבי מנשה מייער. זאגט איך אים, איך ווייס יא פארוואס. ווייל מען האט געגעסן אלטע קעז, די נעגל וואסער איז פארפרוירן געווארן, און מען האט נישט געהאט קיין פרישע ברויט משבת לשבת, וועגן דעם איז מען אויסגעוואקסען. זאגט ער מיר, איר זענט גערעכט, כמעט די גאנצע כתה זענען אלע בני תורה, און מרביצי תורה.

**רבינו:** איך האב פונקט נעכטן געלערנט אין שלחן ערוך (סימן שכ"ה) צו מען מעג שבת ברענגען דורך א גוי ביר צו די סעודה. און דער **רמ"א** זאגט, אז מען זאל מחמיר זיין, אבער מען זאל נישט מוחה זיין אויף די וואס זענען מקיל, ווייל עס פעלט אויס צו סעודת שבת. ווען מען רעדט פון וויין און חלות פאר די סעודה, איז אוודאי אז מען מעג, ווייל עס איז א שבות דשבות וואס איז מותר לצורך מצוה, אבער אפילו ביר צו טרינקען מעג מען אויך. און די אחרונים זאגן, אז אמאל האט מען נישט געטרינקען אויסער וואסער, נאר ביר, עס איז נישט געווען קיין דזשאסע"ס מיט די אלע זיסע וואסערן, און וויין איז געווען צו שטארק, איז ממילא אז מען זאל קענען עפעס טרינקען ביי די סעודה אויסער וואסער, הייסט עס אויך א דבר מצוה פון עונג שבת.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והמשיך בלימוד באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם שמחה ניסן פריעדמאן** ע"ה (חתן הגה"צ רבי אברהם עקשטיין שליט"א אב"ד בוענעס איירעס).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **אברהם קלמן** ני"ו, בן הר"ר **נחמן דוד לייכטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי פרוכטער** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **אברהם קלמן לייכטער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שישי פרשת פקודי***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **ירוחם פישל ברילל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

*

***שבת קודש פרשת פקודי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

ביום השבת בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יצחק דוד נאה** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי חיים דוב וויסבערג שליט"א** בברכת המזון.